# Medicaid ארבעט פאדערונגען

## וואס איר דארפט יעצט וויסן און וואו זיך צוצוגרייטן

אנגעפאנגען פון יאנואר 2027, וועלן נייע פעדעראלע ארבעט פאדערונגען אפעקטירן געוויסע מענטשן וואס האבן Medicaid אינשורענס.

איינצוהאלטן נייע Medicaid פאדערונגען, דארפן מענטשן צושטעלן דאקומענטאציע אז זיי ארבעטן, נעמען אנטייל אין אן ארבעטס טרענירונג פראגראם, וואלונטירן, אדער לערנען אין שולע פאר וויינציגסטנס 80 שעה א חודש, אדער אז זייער הויזגעזינד פארדינט וויינציגסטנס 580 דאלאר א חודש.

איר קענט זיין פטור פון די ארבעט פאדערונגען אויב איר:

- זענט טראגעדיג אדער האט געבוירן א קינד אין די לעצטע 12 חדשים
- זענט די עלטערן, גארדיען אדער קעיר-געבער פון א קינד אונטער 14 אדער א באגרעניצטע מענטש
- האט א דיסאביליטי, ווי באשטימט פאר סופלעמענטאל סעקיוריטי איינקונפט ( Supplemental Security Income, SSI) בארעכטיגונג
- האט ספעציפישע מעדיצינישע געברויכן אדער גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען וועלכע טוען שטארק שטערן אייער מעגליכקייט צו ארבעטן
- נעמט אנטייל אין א דראג אדער אלקאהאל באנוץ באהאנדלונג פראגראם
- זענט איינגעשריבן אין סופלעמענטאל נוטרישן הילף פראגראם ( Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP) (פוד סטעמפס) און איינגעשטעלט צו SNAP ארבעט פאדערונגען
- זענט איינגעשריבן אין צייטווייליגע הילף פאר נויטבאדערפטיגע פאמיליעס ( Temporary Assistance for Needy Families, TANF) (קעש הילף) און קומט נאך די TANF ארבעט פאדערונגען
- זענט ארויסגעלאזט געווארן פון טורמע אדער תפיסה אין די לעצטע 90 טעג
- באקומט אין-פעישענט סערוויסעס אין א שפיטאל, נורסינג פאסיליטעט, אינטערמידיעט קעיר פאסיליטעט אדער ענליכע פאסיליטעט

זעט א פולע ליסטע פון אויסנאמען אויף די New York State of Health o'Stay Covered (בלייבט געדעקט) וועב-בלאט ביי info.nystateofhealth.ny.gov/stay-covered.

**די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט שטעלט צו ריסאורסעס צו שטיצן ניו יארקער, אריינגערעכנט קאונסלערס וואס קענען ענטפערן אייערע פראגעס און אייך העלפן נאכקומען די נייע פאדערונגען צו בלייבן געדעקט דורך Medicaid אדער אן אנדערע אינשורענס פלאן.**

**צו רעדן מיט א ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט פארשטייער, רופט 347-665-0214, אדער באזוכט nyc.gov/healthcoverage און קליקט אויף Health Insurance Inquiry Form (העלט אינשורענס פראגע בויגן).**

## אויב איר האט Medicaid אינשורענס

1. **געפינט אויס אויב די נייע פאדערונגען זענען אייך נוגע.** אויב איר זענט אינעם עלטער פון 19 ביז 64, קענט איר זיין אפעקטירט.
2. **האלט אייער קאנטאקט אינפארמאציע אפדעיטעד** אויף New York State of Health Marketplace. אויב איר ווייסט נישט וויאזוי צוצוקומען צו אייער Marketplace אקאונט, קען א ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט קאונסלער אייך ארויסהעלפן.
3. **קוקט פאר אפיציעלע מעסעדשעס פון די New York State of Health Marketplace.** מעסעדשעס קענען ענטהאלטן וויכטיגע אינפארמאציע וויאזוי אנצוהאלטן אייער דעקונג. געבט ספעציעלע אויפמערקזאמקייט פאר באנייאונג מעלדונגען. אויב איר זענט שוין אויף Medicaid, קענט איר ווערן פארלאנגט איינצוהאלטן די ארבעט פאדערונג פארשריפטן אנגעפאנגען פון מערץ 2027 באנייאונגען.
4. **נעמט אין באטראכט מיטצוטיילן פארדינסטן אינפארמאציע.** New York State of Health Marketplace טוט זיך צוזאמשטעלן מיט א פירמע גערופן Truv צו באקומען צוטריט צו פעי-ראול דאטא, פארגרינגערנדיג דאס באשטעטיגן איינהאלטונג פון Medicaid ארבעטס פארשריפטן. לערנט מער איבער זיך אויסשליסן פון Truv ביי info.nystateofhealth.ny.gov/truv.
5. **באקומט ווייטער קעיר.** איר זאלט ווייטער גיין צו אייער העלט-קעיר פראוויידער ווען איר דארפט קעיר. אויב איר זענט אומזיכער וועגן אייער יעצטיגע דעקונג, קוקט אריין אין אייער New York State of Health Marketplace אקאונט, רעדט מיט א קאונסלער דורך רופן 347-665-0214, אדער רעדט מיט אייער העלט-קעיר פראוויידער.
6. **ווייסט וואו צו באקומען הילף.** אויב איר באקומט א מעלדונג איבער נישט איינהאלטן די פארשריפטן אדער איר דארפט הילף מיט'ן באנייען אייער Medicaid, רופט די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט אויף 347-665-0214 אדער גייט צו nyc.gov/healthcoverage און קליקט אויף Health Insurance Inquiry Form (העלט אינשורענס פראגע בויגן).
7. **עס זענען פארהאן העלט-קעיר אפציעס אפגעזען פון די דעקונג.** אפילו אויב איר פארלירט אייער Medicaid דעקונג, זענען נאך אלץ פארהאן אפציעס פאר צוגענגליכע העלט-קעיר אין ניו יארק סיטי פאר איינוואוינער אן אינשורענס, אפגעזען פון אייער אימיגראציע סטאטוס אדער מעגליכקייט צו באצאלן. איר קענט טרעפן ביליגע אדער אומזיסטע העלט-קעיר סערוויסעס ביי NYC Health + Hospitals לאקאציעס נעבן אייך אדער דורך באזוכן nyccare.nyc אדער רופן 646-692-2273 אדער **311**. איר קענט אויך טרעפן אייער לאקאלע קאמיוניטי העלט צענטער דורך באזוכן findahealthcenter.hrsa.gov.

בלייבט אפדעיטעד. באזוכט nyc.gov/healthcoverage פאר די לעצטיגע אינפארמאציע.